בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת ויקרא תשע"ז** **גליון 403 [שנה ט']**

**ביים מקרב זיין א איד איז מען מקריב א קרבן**

דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אָדָם כִּי־יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה׳: (א׳ ב׳) דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט דַּבֵּר א שטרענגע רייד? מען קען זאגן אז יַקְרִיב איז א לשון פון מְקָרֵב זיין, און די ווארט "כִּי" איז א לשונות, אי, דילמא, אלא, דהא, (ר"ה דף ג ע"א)– דאס מיינט אז מען מוז מְקָרֵב זיין אידן. ווייל אז מען איז מְקָרֵב א איד וועט דאס ברענגען אז ער זאל תשובה טאן, און צדיקים זאגן אויב מען איז גורם א איד צו תשובה טאן איז דאס די זעלבע תוצאה פון ברענגען א קרבן. דאס קען אויך זיין דער ענין פון כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ (אבות פ"ה י"ח) וואס איז א ענין פון קירוב ממילא אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ, ווייל ער ברענגט כסדר א קרבן.

מען קען צו שטעלן א סיפור פון דעם הייליגן אהבת ישראל פון וויזניץ זצוק"ל, וואס דער איד אליין דערציילט. ער איז געווען אמאל אין קארלסבאד זיך אפרוהען. דארטן איז געווען א איד וואס איז געווען פריי, וואס האט באקומען א בריוו אז מען רופט איהם צו א משפט וואס ער וועט דארפן זיצן לאנגע יארן אין תפיסה, ער איז ארום געגאנגען זייער צובראכן, ער טרעפט זיין חבר וואס זאגט איהם אז דער וויזניצער רבי איז פונקט דא אין קארלסבאד וואס ער איז א גרויסער פועל ישועות און גיי צו אים. ער האט נישט געוואלט, אבער ער איז אריין צום רבין און נעמט זיך וויינען אז עס ווארט איהם יארן אין תפיסה, און ער מוז נעמען א עורך דין וואס וועט איהם קאסטן טייער און ער האט נישט קיין געלט? דער אהבת ישראל פרעגט איהם וויפיל געלט דארף ער האבן? און דער רבי נעמט ארויס די גאנצע געלט און זאגט, איך וועל דיר דאס בארגן און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן אז דו זאלסט ארויס גיין זכאי פון משפט. דער איד ווערט נשתומם אויפן צדיק וואס האט איהם קיינמאל נישט געזעהן און דא געטרויט ער איהם מיט אזא ריזיגן סכום! דער איד דאנקט דעם רבין און נעמט א עורך דין און לייגט ביי אים די געלט. אין אפאר חדשים ארום איז דער איד געפארן צום אהבת ישראל און געזאגט די בשורה טובה אז ער איז ארויס זַכְּאַי פון משפט און האט געברענגט צוריק די געלט. דער רבי זאגט: "איך קען נישט נעמען די געלט ווייל דער אויבערשטער האט מיר געשיקט אנדערע געלט." דער איד ווערט צומישט און ווייסט נישט וואס צו זאגן! נאך וואס ער קומט צו זיך, זאגט ער צום רבין איך וויל תשובה טאן און דער רבי האט איהם געגעבן א דרך תשובה. און איז געווארן א שומר תורה ומצוות. זעהט מען אז פון מְקָרֵב זיין א איד, האט ער תשובה געטאן, דאס מיינט אָדָם כִּי־יַקְרִיב מִכֶּם, ווען איר וועט מְקָרֵב זיין אידן צו תשובה וועט דאס זיין קָרְבָּן לַה׳. ווייל זיי וועלן טאן תשובה. (שמח זבולון)

**דער מענטש איז באמת דער קרבן**

אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן: (א׳ ב) פרעגן די מפרשים עס וואלט געדארפט שטיין אָדָם מִכֶּם כִּי יַקְרִיב קָרְבָּן? נאר מען קען זאגן לויט וואס דער אלשי"ך הק׳ שרייבט אז באמת דארף יעדער קרבן זיין "מִכֶּם" און נישט מן הבהמה, נאר דער אויבערשטער טוט א חסד און ער איז מוכן צו מקבל זיין די בהמה אלץ "ממלא מקום". דעריבער שטייט "אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם" ווייל בעצם וואלט דער אָדָם געדארפט זיין די קרבן ע"כ. לייגט צו הגאון ר׳ זלמן סורוצקין אין ס׳ אזנים לתורה אז "מִכֶּם" מיינט פון אינעווייניג "מֵעוֹמֶק הַלֵּב" פון אייך, און גלויבן אז וואס עס איז געשען מיטן קרבן האט געדארפט ווערן פון מענטש, און מען זאל תשובה טאן מיטן אמת. אין ספר שיח יצחק שרייבט אז מכ"ם איז די נוטריקון מדה כנגד מדה. "כִּי יַקְרִיב" דארף מען טראכטן וואס האט געדארפט זיין מיטן אדם איז געשען צו די בהמה, דעמאלטס איז דאס, קרבן לה׳, א ריכטיגע קרבן. (המו"ל – וס׳ שיח יצחק זקני הרה"ח ר׳ יצחק סג"ל באכנער זצ"ל)

**מען דארף וויסן די מקור פון דער חטא**

וְנוֹדְעָה הַחַטָּאת אֲשֶׁר חָטְאוּ עָלֶיהָ: (ד י"ד) דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין די ווארט "עָלֶיהָ" עס וואלט געקענט נאר שטיין וְנוֹדְעָה הַחַטָּאת אֲשֶׁר חָטְאוּ, ווייל דער עיקר וויל מען אז דער מענטש זאל וויסן זיין זינד? נאר מען קען זאגן אז ווען א מענטש טוט עבירות דארף מען וויסן אז ער האט געטאן א עבירה וואס דאס האט גורם געווען אז מען זאל טאן נאך א חטא, און דער עיקר תשובה דארף זיין אויף דעם ערשטן חטא וואס מען האט געטאן און כל זמן מען האט נאך נישט מתקן געווען יענע חטא קען דער מענטש נאכאמאל זינדיגן, דעריבער זאגט די תורה "עָלֶיהָ:" מען דארף קוקן און תשובה טאן אויפן ערשטן חטא וואס פון דעם האט מען ווייטער געזינדיגט. (מקרא מפורש – הגאון ר׳ יצחק יהודה טרונק)

## מדור העובדות

## דער הייליגער ריזינער דערציילט א מעשה פלא: א איד ראטעוועט זיך מיטן רינגל פון קעניג

הרה"ק רבי נחמיה יחיאל רבינוביץ (געבוירן אין יאר תקס"ח נפטר י"ט בתשרי תרי"ג 1853) א זון פון הייליגן צדיק ר׳ יעקב יצחק מפארשיסחא דער יהודי הק׳ זצוק"ל, ער איז געווארן א יתום אלץ קינד און איז געהאדעוועט געווארן דורך זיין ברודער דער רבי ר׳ ירחמיאל פון פארשיסחא. רבי נחמיה יחיאל איז געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי ישראל דער הייליגער ריזינער זיע"א און איז געפארן צו אים זייער אפט, און ווען ער איז געווען צוואנציג יאר אלט, איז ער געווארן רבי אין שטאט ביכוב לעבן לובלין. איינמאל איז ער געווען ווען דער הייליגער ריזינער האט געזאלצן פיש לכבוד שבת און אינמיטן זאלצן די פיש דערציילט דער הייליגער ריזינער א מעשה פלא: עס איז געווען אמאל א שטארקע קעניג וואס איז געווען זייער רייך וואס האט געהאט אסאך פעלדער און וועלדער. אין איינע פון זיינע וועלדער האט געוואקסן גאר חשובע און זעלטענע בוימער און דער קעניג פלעגט אפט דארטן שפאצירן און איז נתפעל געווארן פון די בוימער פון יענע וואלד. איינמאל ווען דער קעניג איז געגאנגען שפאצירן אין וואלד זעט ער א איד באוואונדערט די בוימער מיט גרויס התפעלות און דער קעניג פרעגט אים, פארוואס ער איז אזוי נתפעל? זאגט ער אים, איך בוי פאלאצן פאר רייכע מענטשן און די האלץ פון די בוימער וואלטן געווען זייער גוט פאר מיינע פאלאצן. דער קעניג פריידט זיך דאס צו הערן און טרעפט חן אין דעם איד און זאגט: איך וויל יעצט בויען א גרויסע פאלאץ און איך וויל אז דו זאלסט מיר טאקע בויען מיין פאלאץ און וועסט קענען נעמען פון די בוימער און איך וועל דיר שיין באצאלן.

דער איד האט אנגענומען דעם קעניג'ס פארלאנג און גענומען בויען א פאלאץ וואס ווען עס איז פארטיג געווארן איז עס געווען א פראכט. דער קעניג האט

נישט געקענט קומען צו זיך פון אזא שיינע פאלאץ און דער קעניג האט באצאלט פארן איד און אים געשטעלט ארבעטן ביי אים אויף וואס מען וועט דארפן בויען. איין זאך האט נאך געפעלט און דאס איז געווען פענסטער'ס.

איין טאג ווען דער קעניג גייט ווייטער שפאצירן אין וואלד טרעפט ער א מענטש וואס באוואונדערט די בוימער און פרעגט ווער ער איז און פארוואס באוואונדערט ער זיינע בוימער? זאגט ער, איך הייס אלעקס און איך בין א פאכטמאן צו מאכן שיינע גלאז פאר פענסטער'ס און פון די אש פון האלץ פון אזעלכע בוימער, קען מען מאכן זייער שיינע גלאז. פרעגט אים דער קעניג צו ער וואלט געוואלט מאכן פאר זיין פאלאץ די פענסטער'ס? האט ער מסכים געווען. און געקומען צום קעניג'ס פאלאץ און זיך גענומען ארבעטן. דער קעניג האט אים צוגעשטעלט האלץ פון זיין וואלד און די גלאז פאר די פענסטער'ס זענען ארויס געקומען גאר שיין און האט געשפיגלט ביז דער פאלאץ האט יעצט געבליעט און געשיינט. דער קעניג האט געמאכט א סעודה פארן פאלק לכבוד דעם נייעם פאלאץ, און האט איינגעלאדנט, דעם איד און אלעקס, זיצן אויבן אן, און דער קעניג האט פארגעשטעלט פארן עולם די צוויי מענטשן וואס האבן געבויעט אזא פראך.

אבער הלכה עשו שונא ליעקב און דער גוי האט נישט געקענט פארגינען אז דער קעניג איז מכבד א איד און געזוכט עצות ווי צו באשולדיגן דעם איד מיט פאלשע בילבולים, און מיט די צייט איז זיינע רייד אריין אין אויער פון קעניג און דער קעניג האט מסכים געווען שטעלן דעם איד צו משפט, פארשטייט זיך אז מען האט געטראפן דעם איד שולדיג און מען האט איהם געפסק'נט אויף מיתה. ווען דער קעניג האט דאס געהערט איז ער געווען זייער באזארגט ווייל ער האט געוואוסט אז דער איד איז נישט שולדיג און ער האט נישט געקענט צוזען ווי מען הארגעט א אומשולדיגן מענטש, און האט נישט געוואלט אז דאס אומגערעכטיגקייט זאל געטאן ווערן אין זיין שטאט, אבער א פסק איז פסק. האט דער קעניג געטראכט א עצה ווי אזוי עס זאל געשען און אפשר אויך דורך דעם וועט דער איד ווערן געראטעוועט. ער האט געהאט א געטרייער קנעכט וואס האט געוואוינט אויף א ווייטן אינזל וואס דער קעניג פלעגט אמאל זיך דארטן אפרוהען. ער וועט שיקן א בריוו מיטן איד צום אינזל וואס דארטן שטייט אז דער קנעכט זאל איהם הארגנען ווען ער קומט אן אין אינזל. דער קעניג זאגט דעם איד אז ער זאל פארן צו יענעם אינזל און איבערגעבן דעם פארזיגלט'ן בריוו צו זיין קנעכט. דער איד פריידט זיך און פארט אהין. ער קומט אן אין אינזל און גיט איבער דעם בריוו פארן קנעכט, און דער קנעכט עפענט דאס און ליינט דעם בריוו, און וואונדערט זיך אז דער קעניג וויל הארגענען אזא געטרייע ארבעטארער וואס האט געבויט פאר אים אזא שיינע פאלאץ! און האט געזאגט פארן איד וואס עס שטייט אין בריוו. דער איד בעט זיך ביים קנעכט וואס וועסטו פארדינען אויב וועסטו מיר הארגענען? דער קעניג וועט דאך נישט קומען נאכקוקן צו דו האסט מיר געהארגעט צו נישט. און איך וועל זיין דיין געטרייע קנעכט. דער קנעכט איז געווען א גוטער און האט געזאגט איך וועל דיר נישט הארגענען. און אזוי איז דער איד געבליבן לעבן און איז געווען א געטרייער קנעכט.

ויהי היום איז דער קעניג געפארן מיט א שיפל אין ים און האט זיך געשפילט מיט זיין רינגל און א שטארקער ווינט האט דאס אריינגעבלאזן אין ים. און ער איז געווארן זייער צובראכן וועגן דעם, ווייל ער האט געהאט א גלויבונג אז אויב א קעניג פארלירט זיין רינגל און טרעפט דאס נישט איז א סימן אז ער גייט פארלירן זיין מלוכה. און אזוי גייט דער קעניג אריין אין א טיפן עצבות. דער גוי, אלעקס, וואס איז געווען זייער געטריי פארן קעניג האט געזאגט פארן קעניג קום ארויס פארן אויפן ים און זיך פרובירן בארוהיגן. און דער קעניג האט געפאלגט און איז געפארן. אזוי פארענדיג אין ים דערמאנט זיך דער קעניג פון זיין אינזל, און שיקט א שליח מיט א קליין שיפל צו מודיע זיין דעם קנעכט אז דער מלך קומט אים באזוכן, און ער גיט אים צייט אנצוגרייטן דערווייל א סעודה, און דער שליח דערציילט אים וועגן די פארלוירענע רינגל. עס ווערט שלעכט פארן קנעכט און זאגט פארן איד דער קעניג וועט זען אז איך האב אים נישט געפאלגט און ער וועט אונז ביידע הארגענען! זאגט אים דער איד מיר דארפן יעצט אנגרייטן א סעודה פארן קעניג, איך וועל גיין כאפן א פאר פיש און אנגרייטן א סעודה און נאכדעם וועט מען מודיע זיין פארן קעניג אז די סעודה איז גרייט, און איך ווייס א פלאץ וואו איך קען זיך באהאלטן ביז דער קעניג וועט אוועקגיין פון דא, און דער קנעכט ווערט בארוהיגט.

דער איד האט געכאפט א גרויסן פיש און האט געעפנט דעם פיש און זעט דעם רינגל פון קעניג. דער איד איז געווען א חכם און האט געהאט א פלאן ווי זיך צו ראטעווען. ער האט געווארט ביז די שיף פון קעניג האט זיך דערנענטערט צום אינזל און דעמאלטס האט דער איד אריינגעטאנצט אין די וואסער. די שומרים פון קעניג האבן דערזען א מענטש אין ים האבן זיי אים ארויפגעשלעפט אין שיף און מען האט אים געברענגט צום קעניג. דער קעניג האט דערקענט דעם איד און פרעגט דו לעבסט נאך? איך האב באפוילן מיין קנעכט ער זאל דיר הארגענען! רופט זיך אן דער איד: אדוני המלך! דיין געטרייע קנעכט האט דיר געפאלגט. ער האט מיר אריינגעווארפן אין ים אבער א גרויסער פיש האט מיר איינגעשלונגען און מיר געברענגט צו דעם לויתן און איך האב אים דערציילט אז איך האב געבויט פארן קעניג א גרויסן און פראכטיגן פאלאץ און נאכדעם האט מען מיר אריינגעווארפן אין ים. זאגט דער לויתן אז ער וויל איך זאל פאר אים אויך בויען א פאלאץ אזוי ווי פארן קעניג, און נאכדעם וועט ער מיר צוריק שיקן צום יבשה. און איך האב געבויט א שיינעם פאלאץ. פרעגט מיר דער לויתן וואס וועט זיין מיט פענסטער'ס? האב איך אים געזאגט אז אלעקס האט געמאכט זייער שיינע פענסטער'ס פארן קעניג'ס פאלאץ. האט ער מיר געשיקט בעטן דעם קעניג אז ער זאל אריין ווארפן אלעקס, און א פיש וועט אים ברענגען צו אים. און א סימן אז עס איז אמת האט ער מיר מיט געשיקט דעם רינגל פון קעניג וואס ער האט פארלוירן. דער קעניג איז געווארן מלא שמחה ווען ער האט געזען זיין רינגל און האט נישט געטראכט א מינוט און געהייסן זיינע שומרים שוין אריינווארפן אלעקס אין ים אריין. כן יאבדו כל אויבך. און אזוי איז דער איד געראטעוועט געווארן. דאס האט דער הייליגער ריזינער דערציילט ביים זאלצן די פיש. און וואס איז געווען די הייליגע כוונה פון ריזינער איז הנסתרות לה' אלקינו.

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

*תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר $8500, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $4500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עס וועט העלפן $22000, סידור חסד לאברהם מצב חדש מנטובא תקמ"א עפ"י האריז"ל $8000, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהרנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד $2000, רחובות הנהר אויף הגדה של פסח, הגדה מעלה בית חורין $2000, און הונדערטער הגדות נייע און אלטע*

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim, We can also pick up for free.**

פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שמות? אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגען צו אונז בחינם. פאר גרעסערע קוואנטום'ס קענען מיר קומען צו אייך, מיר נעמען נישט גמרות אדער חומשים און סידורים וואס זענען געדרוקט אין די לעצטע 70 יאר,

**הגליון מוקדש לעי"נ אמי מורתי מרת סאשע מאטיל קליטניק ע"ה בת הר"ר אברהם יעקב הלוי באכנער ע"ה והנו"מ יוטא ע"ה יארצייט ו' ניסן תשס"ה**